# געראַטעוועט דעם
# חינוך הטהור



**בס"ד**

יצא לאור לרגל מעמד חינוך הטהור לילדי התשב"ר הי"ו המתחנכים בבתי חינוך על טהרת הקודש, וממשיכים בגאון ובעוז את דרך המסורה על ידי גאוני ומצוקי ארץ זיע"א, ועומדים כחומה בצורה במסירות נפש לבל התערב זר בחנוך התשב"ר, ללא שום טובת הנאה ותמיכה כל שהוא מכספי שלטון הרשע הציוני


המו"ל הוצאת ספרים

**"חומת ירושלם"**

ישיבת תורה ויראה

פעיה"ק ירושלם תובב"א

ת.ד. 5072 ירושלים

ט' סיון תשס"ו

די מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין גְרוֹיס אָרֶעמְקַייט, דִי מֶערְסְטֶע הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער - גֶעעֶפְנְט תַּלְמוּד תּוֹרֶה'ס און צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַּאר זֵיי מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען וֶוען זֵיי הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט און נַארְמַאלֶע קְלֵיידוּנְג, דָאךְ הָאבְּן זֵיי פַּארְגֶעזֶעצְט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער. טַאקֶע, גַשְׁמִיּוּת אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, אָבֶּער דִי "רוּחְנִיּוּת הָאט גֶעבְּלִיהְט" — דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט חֵשֶׁק און גֶעשְׁמַאק!

אִין דִי צֵייט, אִיז וֵוייצְמַאן ימ"ש אָנְגֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם אַלְס "הֶעלְפֶער פוּן דֶעם אִידִישְׁן יִשּׁוּב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז עֶר פָּארְט הֶעלְפְן דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַ שְׁטַארְקֶע נוֹיט.

אַלֶע "גְרוֹיסֶע שְׁטִיצֶערְס" פוּן דֶער וֶועלְט הָאבְּן אִים גֶעשִׁיקְט גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְד און פוּלֶע שִׁיפְן מִיט עֶסְן און קְלֵיידֶער. אוֹיךְ פוּן אַמֶערִיקֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׁיף מִיט וַוייץ, מֶעהְל און עֶסְנְוַוארְג צוּ צוּטֵיילְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, דִי אִידְן אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן שׁוֹין קוֹים גֶעוַוארְט...

■■■

וַוייצְמַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם און פְּרוּבִּירְט צוּ זֶעהן וִויפְל דִי רַבָּנִים און רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גְרֵייט אִים צוּ הֶעלְפְן אוֹיפְ-צוּשְׁטֶעלְן אַ צִיוֹנִיסְטִישֶׁע הֶערְשַׁאפְט און לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען טֵיילְן דִי עֶסְן און גֶעלְד.

עֶר הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן אַלֶע פִירֶערְס פוּן דִי מוֹסָדוֹת, יְשִׁיבוֹת און תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס און זֵיי צוּגֶעזָאגְט: אַ פֶּעטְן גֶעהַאלְט! אוֹיפְרִיכְטְן דִי לֶערְנוּנְג פְּלֶעצֶער! און אַ פַארְזִיכֶערְטֶע רוּהִיגֶע לֶעבְּן פַאר אַלֶע

אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת'ן - מֶען דַארְף נָאר אָנֶעמֶען דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע הֶערְשַׁאפְט!

בִּיז אַפָּאר טֶעג דַארְף אִיךְ אַ עֶנְטְפֶער! — הָאט וַוייצְמַאן גֶעזָאגְט — אוּן בִּיז דַאמָאלְס טֵיילְט מֶען נִישְׁט קֵיין גְרָאשְׁן.

דֶער נִסָיוֹן פוּנֶעם יַהֲדוּת הַחֲרֵדִית אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס אוּן שְׁוֶוער, זֵיי זֶעהֵן פַאר זִיךְ צְוֵויי וֶועגְן:

1. אַ בַּאקְוֶועמֶער לֶעבְּן מִיט אַ צִיוֹנִיסְטִישֶׁע הַשְׁפָּעָה,

2. צוּ לֶעבְּן וַוייטֶער מִיט הוּנְגֶער אוּן נוֹיט אוּן דֶערְבֵּיי הִיטְן אוֹיף דִי גַאנְצְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה.



לֵיידֶער זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע שְׁוַואכֶע פִּירֶערְס וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאלְד אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְּן אָבֶּער דִי מֶערְהֵייט פוּן דִי מוֹסְדוֹת'ן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען דֶער נִסָּיוֹן הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעאֵיילְט צוּ אוּנְטֶערְגֶעבְּן נָאר זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּם גְרוֹיסְן מַנְהִיג ר' יוֹסֵף חַיִּים זוֹנֶנְפֶּלְד זצ"ל נָאךְ אַ תְּשׁוּבָה.

ר' יוֹסֵף חַיִּים הָאט שְׁנֶעל צַאמְגֶערוּפְן אַלֶע מְנַהֲלִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אוּן זֵיי צוּ-וִויסְן גֶעטָאן: עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין צְוֵויי וֶועגְן נָאר אֵיין וֶועג – זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער וַוארְפְן אוּנְטֶער דִי אַפִּיקוֹרְסִים, נִישְׁט פַארְקוֹיפְן דִי נְשָׁמָה צוּם שׂוֹנֵא פוּן כַּבְיָכוֹל אוּן פוּן זַיין תּוֹרָה!!

אַלֶע הָאבְּן צוּגֶעשְׁטִימְט.

וַוייצְמַאן הָאט אָבֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם דֵעָה אִין דִי פִירוּנְג פוּן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דָאךְ וֶועט עֶר שְׁטִיצְן אוּן דֶעקְן אַלֶע הוֹצָאוֹת מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, נָאר אֵיין קְלֵיין פָּאדֶערוּנְג: עֶס זָאל וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ. אוֹיךְ וִויל עֶר אַז דֶער לֶערְנֶען זָאל נִישְׁט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג, נָאר בַּאשְׁטִימְטֶע שָׁעוֹת פַארְמִיטָאג אוּן נָאכְמִיטָאג, אַלֶעס לְטוֹבַת דִי שְׁוַואכֶע קִינְדֶער אוּן אַוַודַאי לְטוֹבַת דִי מְלַמְדִים.

אַ שְׁנֶעלֶע אֲסִיפָה אִיז בְּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן אִין הוֹיז פוּן ר' יִצְחָק יְרוּחָם דִיסְקִין וֶועלְכֶע ר' יוֹסֵף חַיִּים זוֹנֶנְפֶּלְד אוּן אַלֶע רָאשֵׁי וּמְנַהֲלֵי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גֶערוּפְן גֶעוָוארְן. וַוייצְמַאן אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זֵיינֶע בַּאגְלֵייטֶערְס אִיבֶּער צוּגֶעבְּן זַיין לֶעצְטְן פָּארְשְׁלַאג: אִיךְ וִויל נָאר אַז דִי מְנַהֲלִים זָאלְן צוּשְׁטִימֶען צוּם 'פְּרִינְצִיפּ' פוּן דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ. מֶען וֶועט אַפִילוּ נִישְׁט נָאכְקוּקְן וִויפְל שָׁעוֹת אִין טָאג דָאס וֶוערְט אוֹיסְגֶעפִירְט, אוּן דָאךְ וֶועל אִיךְ שְׁטִיצְן דִי מוֹסְדוֹת מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט. אָבֶּער אוֹיב נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט וַוארְטְן פוּן מִיר אוֹיף קֵיין הִילְף, אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֶעבְּן אַפִילוּ אַ גְרָאשְׁן, אוּן אוֹיסְרוּפְן אִין דִי

וֶועלְט אַז דִי יְשִׁיבוֹת און תַּלְמוּד תּוֹרֶה'ס אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן נִישְׁט קֵיין עֶקְזִיסְטֶענְץ! וַוייצְמַאנְ'ס רֵייד הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקְן אֵיינְדְרוּק, עֶטְלִיכֶע מְנַהֲלִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט נֶהֱנֶה זַיין פוּן דֶעם גֶעהַאלְט נָאךְ אַזֶעלְכֶע פֵיינְלִיכֶע יָארְן. אָבֶער... אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁוִויגְן.

ר' יוֹסֵף חַיִים זוֹנֶנְפֶלְד הָאט מִיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל הֶענְגְט אוֹיפְן וָואגְשָׁאל, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און אוֹיסְגֶערוּפְן:

"וַוייצְמַאן. נֵיין! נֵיין! נֵיין! דִי יְשִׁיבוֹת און תַּלְמוּד תּוֹרֶה'ס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע. מִיר וֶועלְן זֵיי פִירְן וִוי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן און נִישְׁט צוּלָאזְן אַז אַ פְרֶעמְדֶער זָאל אַרֵיינְזָאגְן אַ אַנְדֶער דֵעָה סַיי אִינֶעם אִינֶערְלִיכְן און סַיי אִינֶעם דְרוֹיסְנְדִיגְן פְּרָאגְרַאם!!

וַוייצְמַאן אִיז וַוייס גֶעוָוארְן פוּן אוֹיפְרֶעגוּנְג אָבֶער דָאךְ זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ קָאנְטְרָאלִירְן און גֶעזָאגְט מִיט אַ גֶעמַאכְטְן רוּהִיגֶע שְׁטִימֶע:

הָרַב זוֹנֶנְפֶלְד! אִיר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען רִיכְטִיג מֵיינֶע רֵייד?! מִיר ווִילְן פַּאקְטִישׁ קֵיין שוּם דֵעָה נִישְׁט זָאגְן, נָאר, אַז דִי מְנַהֲלִים זָאלְן אוֹיסְרוּפְן אַז אִין 'פְּרִינְצִיפּ' נֶעמֶען זֵיי אָן דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, דָאס מֵיינְט נִישְׁט מֶער וִוי לְמַרְאִית עַיִן. לְמַעֲשֶׂה קֶענְט אִיר וַוייטֶער פִירְן דִי מוֹסְדוֹת פוּנְקְט וִוי אִיר פַארְשְׁטֵייט.

וַוייצְמַאן! — הָאט ר' יוֹסֵף חַיִים גֶעזָאגְט — מֵיינְט נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי נַארִישׁ און פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס אִיר מֵיינְט מִיטְן 'פְּרִינְצִיפּ' - עֶס אִיז נָאךְ חָשׁוּבֶ'ער וִוי דֶער 'פַּאקְט' וַוייל אִין אֶמֶת'ן ווִילְט אִיר דָאךְ אוּמְבְּרֶענְגֶען דֶעם "תּוֹרָה - חִינוּךְ" און אַז אִיר בַּאגְנוּגְט זִיךְ מִיטְן 'פְּרִינְצִיפּ' וַוייזְט עֶס וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז, נֵיין וַוייצְמַאן! מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְן וַוייל אוּנְזֶער 'פְּרִינְצִיפּ' אִיז צוּ טָאן רָצוֹן ה'!

וַוייצְמַאן הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען אָבֶער דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין בְּבוּשֶׁת פָּנִים, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: רַבּוֹתַי! אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר אַז הַרַב זוֹנֶנְפֶלְד רֶעדְט אִין נָאמֶען פוּן דִי רַבָּנִים, אָבֶער אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס דִי מְנַהֲלִים אוּן פִירֶערְ'ס פוּן דִי מוֹסְדוֹת וָואס זֵיי טְרָאגְן דֶעם עִיקָר לַאסְט אוֹיף זֵייעֶרֶע אוֹיסְגֶעמַאטֶערְטֶע פְּלֵייצֶעס, וָואס אִיז זֵייעֶר שִׁיטָה?

אַ קְלֵיין וַויילֶע הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁטִילְקֵייט... כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט עֶנְדִיגְן מִיט אַ חִילוּל ה' נָאכְן נִתְעוֹרֵר וֶוערְן פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רָב הָאבְּן זֵיי גֶעוֶוענְדֶעט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן צוּ ר' יוֹסֵף חַיִּים — דֶער עוֹלָם אִיז גֶעבְּלִיבְּן פֶּעסְט, זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְצוּגֶעבְּן!

■■■



ווייצמַאן הָאט געזיכט נָאך וועגן אָנצוגיין מיט זַיין פְּלַאן, ווען די אידן אין יְרוּשָלַיִם הוּנגערן און אין זַיין טַאש ווארעמט זיך גְרוֹיסע סוּמעס געלטער... די סְחוֹרָה פון די שִיפְן הָאט מען פַארְפַאקט אין מַאגַאזינען ווען נָאר ער און זַיינע מענטשן זענען נֶהֱנֶה פון דעם.

ער הָאט דערְפַאר אויסגערופן אַ בַאשְטִימְטע אַסִיפָה פַאר אַלע מְלַמְדִים און מַגִידֵי שִיעוּרִים פון די יְשִיבָה קְטַנוֹת, כְּדֵי צו טֵיילְן געלד און הערְן פון זֵיי די נֶעמען פון די נִצְרָכִים. פַארְשְטֵייט זיך אַז דָאס הָאט שְטַארק מַשְפִּיעַ געווען אויף די אויסגעהוּנגערטע מְלַמְדִים וָואס הָאבְן געוואַרט נָאך אַבִּיסל הִילְף.

ווייצמַאן הָאט אויך אוּנטערגעקויפט עטליכע מענטשן צו בַאאֵיינְפְלוּסְן די מְלַמְדִים צו ערשֵיינען בַּיי די אַסִיפָה. לֵיידער הָאט אֵיין מוֹסֵד מְנַדֵב געווען זֵייער זַאל פַאר די אַסִיפָה ---

אין די פוּנקְטְלִיכע בַאשְטִימְטע צֵייט הָאבְן ערשֵיינְט אַלע מְלַמְדִים, מְחַנְכִים מַגִידֵי שִיעוּרִים פון די יְשִיבוֹת קְטַנוֹת פון אַלע מוֹסְדוֹת'ן, אוֹיך אִיז אָנְגעקוּמען צְוֵויי חָשוּבע פערזענְלִיכְקֵייטְן — רַבָּנִים - וָואס ווייצְמַאן הָאט שוֹין פון פְרִיער אוּנטערגעקויפט.

ווייצְמַאן אִיז אַרויסגעטְרָאטְן מִיט זַיינע "וַוארעמע" ווערְטער:

"חָשוּבע מְלַמְדִים און מְחַנְכִים!! עס אִיז מִיר שְווער געווען צו הערְן וָואס דָא הָאט זיך אָפְּגעטוּהן בִּשְעַת די מִלְחָמָה, די בִּיטערע לַאגע אַייערע... דער הוּנגער אויף אַ שְטִיקל בְּרוֹיט און וַוארעמע עסְן, די שְרעקְלִיכע מַחֲלוֹת און מַגֵיפוֹת, וויפְל קִינְדערלַאך הָאט אִיר פַארְלוֹירְן אין די צֵייט? וִויפְל לִיגְן נָאך קְרַאנְק?... דער מַצָב צִיט זיך נָאך אַזוֹי בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג... דָאך שְטֵייט אִיר אַלע מִיט אַ מוֹרֶא'דִיגע "מְסִירוּת נֶפֶש" און זֶעצְט פָּאר דָאס לערנען מִיט די קִינְדערלַאך. אִין אַייער זְכוּת אִיז דָא אַ קִיוּם אין די תּוֹרָה. אִיר זענְט פַארַאנְטְוָוארְטְלִיכע מענְטְשְן!! יעצְט אִיז געקוּמען די גְלִיקְלִיכע צֵייט אִיר זָאלְט אויפגעריכטעט

װֶוערְן. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ אוֹיסְהַאלְטְן אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרֶה׳ס אוּן יְשִׁיבוֹת מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, אוּן אוֹיךְ גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע מָאנַאטְלִיכֶע גֶעהַאלְט פַּאר אַלֶע אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן 15 לִירוֹת אַ חוֹדֶשׁ אוּן וֶועט אַרוֹיפְגֵיין בִּיז 20 (אַ גֶעוואַלְדִיגֶע סוּמֶע אִין יֶענֶע צֵייט) אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט וִויסְן פוּן קֵיין נוֹיט, אוּן אַייךְ אוֹיךְ צוּשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע דִירוֹת.

דָאס גַאנְצֶע וָואס אִיךְ פַּארְלַאנְג פוּן אַייךְ אִיז אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם שְׁטְרֶעבּוּנְג פוּן: "אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ זֶעלְבְּסְט-שְׁטֶענְדִיגֶע אִידִישֶׁע מְלוּכֶה אִין א"י" (בְּטָעוּת הָאט וַוייצְמַאן זִיךְ אַרוֹיסגֶעכַאפְּט דֶעם סוֹד פוּן זַיין פְּלַאן) כְּדֵי אִיר זָאלְט אוּנְז הֶעלְפְן אִין דֶעם קֶענְט אִיר וַוייטֶער פִירְן אַ פְרוּמֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן, פָארְזֶעצְן אַייעֶר תּוֹרָה לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער וִוי בִּיז הַיינְט. אַ דְאָגָה פוּן גֶעלְט וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן. נָאר אֵיין קְלֵיינִיקֵייט פָאדֶער אִיךְ פוּן אַייךְ: "אֵיינְפִירְן דִי הֶעבְרֵישֶׁע שְׁפְּרַאךְ אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרֶה׳ס!" מְ׳וֶועט אַייךְ אַפִילוּ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן אוֹיף וִויפְל אִיר פִירְט עֶס אוֹיס פַּאקְטִישׁ, דֶער עִיקָר אִין "פְּרִינְצִיפּ" זָאל עֶס זַיין אָנְגֶענוּמֶען. מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אֵיינְשְׁטֶעלְן אַ סֶדֶר אִין דִי שָׁעוֹת פוּן לֶערְנֶען, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשְׁן פֶערְצְן פוּפְצְן שָׁעָה אַ טָאג מִיט דִי קִינְדֶער. אִיר זֶענְט אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אוּן דַארְפְט נִישְׁט קְרַאנְק וֶוערְן בַּיי אַייעֶר אַרְבֶּעט... עֶס אִיז גֶענוּג צוּ אַרְבֶּעטְן פִיר שָׁעָה פַארְמִיטָאג אוּן צְוֵויי שָׁעָה נָאכְמִיטָאג, דֶערְנָאךְ וֶועט אִיר אוֹיסְרוּהֶען אַייעֶר פַארְמַאטֶערְטֶע קֶערְפֶּער... פַּארְבְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל מִיט אַייעֶר פַאמִילְיֶע אָדֶער שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט דוּרךְ שְׁפַּאנְצִירְן אִינְדְרוֹיסְן. מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אִיבֶּער בּוֹיעֶן דִי חָרוּבְ׳דִיגֶע גֶעבַּיידֶעס אוּן נָאכְגֶעלָאזֶענֶע כִּתּוֹת - וָואס בְּרֶענְגְט נָאר קְרֶענְק בַּיי דִי קִינְדֶער - אוֹיף שֵׁיינֶע נֵייעֶ בִּנְיָנִים, אַנְשְׁטָאט דִי אַלְטֶע טִישְׁן אוּן בֶּענְק וֶועט אַלֶעס זַיין נֵיי, אִיר וֶועט זִיךְ שְׁפִירְן וִוי בַּעֲלֵי בַּתִּים אוּן אַלֶע וֶועלְן הָאבְּן רֶעסְפֶּעקְט פַּאר אַייךְ.

- דָא הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶעצְן קֶעגְן דִי רַבָּנִים:

זַייט וִויסְן... בַּיי דִי פְּרִיעֶרְדִיֶע אַסִיפָה מִיט דִי רַבָּנִים אוּן מְנַהֲלִים הָאבְּן זֵיי אַלֶע אָפְּגֶעוָוארְפְן מַיין פְּלַאן כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעפָּאדֶערְט פוּן זֵיי דִי קְלֵיינִיקַייטְן. אִיךְ הָאבּ זֵיי פַארְזִיכֶערְט אַז זֵיי וֶועלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי דֶעָה אִין פִירוּנְג מִיט לִימוּדִים, אָבֶער זֵיי ווִילְן נִישְׁט!! זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט אִין קֵיין הִילְף, אוֹיף וֶועמֶענְס חֶשְׁבּוֹן אִיז דָאס? אוֹיף אַייעֶרֶע! אִיר הָאט דֶער עִיקָר גֶעלִיטְן, אוּן אִיר לֵיידְט נָאךְ וַוייטֶער וֶועגְן זֵיי.

זֵיי הָאבְּן שׁוֹין מִן הַסְתָם גֶעשַׁאפְט פַארְבִּינְדוּנְגֶען מִיט שְׁטִיצֶער׳ס אוּן גְבִירִים אוּן לֶעבְּן שׁוֹין אַ גוּטְן טָאג... זֵיי לֵיידְן מֶער נִישְׁט קֵיין הוּנְגֶער׳ס... אָבֶער אִיר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם, אִיר דַארְפְט וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן לֵיידְן... אַוַודַאי אִיז זֵיי גְרִינְג צוּ זָאגְן נֵיין. הָרַב זוֹנֶנְפֶלְד קֶען זַיין אַ "הֶעלְד" אוֹיף אַייעֶר חֶשְׁבּוֹן, פְּרוּבִּירְט נָאר צוּ אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט וֶועט אִיר זֶעהן וָואס עֶס בְּלַייבְּט פוּן זַיין גְרוֹיס הֶעלְדִישְׁקַייט... נִישְׁט קֵיין תַּלְמוּד תּוֹרֶה׳ס אוּן נִישְׁט קֵיין יְשִׁיבוֹת, נֶעמְט זִיךְ אַלְדָא אִין דִי הֶענְט אַרַיין!! הַיינְט אִיז אַ צַייט וָואס דִי אַרְבֶּעטֶער הָאבְּן דֶעם וָוארְט, אִיר זֶענְט מְחוּיָב דָאס צוּ טָאן צוּלִיבּ אַייךְ אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה וָואס אִיר קֶענְט טָאן פַאר דִי רַבָּנִים אוּן מְנַהֲלִים!

אָבֶער... אוֹיבּ דִי קְלֵיין פָּאדֶערוּנְג וֶועט אִיר נִישְׁט אָנֶעמֶען וֶועל אִיךְ אַייךְ מִיט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן... דֶער שׁוּלְד וֶועט פַאלְן אוֹיף אַייךְ... אִיךְ וֶועל אוֹיסְרוּפְן אִין דִי וֶועלְט אַז דִי יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרֶה׳ס אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן מֶער נִישְׁט קֵיין עֶקְזִיסְטֶענְץ, אִיר וֶועט וַוייטֶער לֵיידְן הוּנְגֶער אוּן נוֹיט אוּן אַלֶע אוֹיסְשְׁטַארְבְּן פוּן דִי בִּיטֶערֶע קְרֶענְק (רח״ל) דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ: טַייעֶרֶע אִידְן, לָאזְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין דָאס גְלֶענְצֶנְדֶע גֶעלֶעגְנְהַייט פוּן אַייעֶר צוּקוּנְפְט... אַייעֶרֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן אִין שְׁטוּבּ אוֹיף אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אוּן וַוארֶעם גֶעקֶעכְטְץ, אוֹיף

אַ שְׁטִיקְל לַייטִישֶׁער בֶּגֶד אִיבֶּערְ'ן גוּף... זַייט נִישְׁט קֵיין אַכְזָרִים אוֹיף אוּמְשׁוּלְדִיגֶע נְפָשׁוֹת!

דִי שַׁארְפֶע רֵייד פוּן וַוייצְמַאן הָאבְּן גֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקְן אֵיינְדְרוּק אוֹיף דִי פַארְזַאמְלְטֶע אָרֶעמֶע מְלַמְּדִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּ-וֵויינְט פוּן הַארְץ וֵוייטָאג אוּן פַארְצְוֵוייפְלוּנְג, זֵיי הָאבְּן אַפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין כֹּח צוּ עֶפֶענֶען זֵייעֶר מוֹיל אוּן עֶנְטְפֶערְן יָא אָדֶער נֵיין. וַוייצְמַאן הָאט אוֹיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיינֶע צְוֵויי רַבָּנִים צוּ רֶעדְן, וָואס הָאבְּן צוּגֶעגָאסְן פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְּל צוּ זַיינֶע רֵייד אוּן נָאכְמֶער צוּמִישְׁט דִי אָנְוֶועזְנְדֶע מִיט זֵייעֶר פִיל חֲנוּפָה צוּ וַוייצְמַאן אוּן אוֹיפְקְלֶערְן דֶעם "עֵת צָרָה" - בֶּעסֶער נָאכְקוּמֶען דֶעם פַארְלַאנְג ווִי אַיידֶער שְׁפֶּעטֶער צוּ מוּזְן פַארְשְׁלִיסְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרֶה'ס אוּן יְשִׁיבוֹת.

וַוייצְמַאן'ס פָּנִים הָאט אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן... זֶעהֶענְדִיג זֵייעֶרֶע צוּמִישְׁטֶע גֶעפִילְן ווִי קֵיינֶער קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אִיז עֶר אַרוֹיס אוֹיף אַפָּאר מִינוּט ווִיסְנְדִיג אַז אַזוֹי וֶועט זֵיי גְרִינְגֶער זַיין צוּ בַּאשְׁלִיסְן.

דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן מִיט גֶעדְרוּקְטֶע גֶעמִיטֶער... אַ גְרוֹיסֶער חֵלֶק הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף זֶעהן זִיךְ דוּרְכְצוּקוּמֶען מִיט וַוייצְמַאן וַוייל דֶער מַצָּב אִיז שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן... עֶר אַלֵיין זָאגְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, לָאמִיר אִים נָאכְגֶעבְּן אוּן דֶערְנָאךְ וֶועלְן מִיר זִיךְ אוֹיסְלַאכְן.

דֶער אַנְדֶער חֵלֶק הָאבְּן אָבֶּער גֶעטַעַנֶה'ט אַז מֶען טָאר אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, עֶר הוֹיבְּט אָן מִיט אַ קְלֵיין פָאדֶערוּנְג אָבֶּער עֶר וֶועט גֵיין וַוייטֶער... מִיר וֶועלְן זַיין גֶעבּוּנְדְן אוּנְטֶער אִים אוּן אַלֶעס מוּזְן נָאכְגֶעבְּן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן! וֶוער נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַחְרַיוּת אוֹיף וָואס דָאס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען?!

אַלֶע הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶּער דֶער נִסָּיוֹן אִיז צוּ גְרוֹיס צוּ בַּיישְׁטֵיין. זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דִי

הונגער און נויט און פּרובירט צו רעדן וועגן אַ פאַרהאַנדלונג - מען איז אָבער נישט צוגעקומען צו אַ באַשלוס.

ווייצמאַן איז פלוצלינג צוריק געקומען און געפרעגט: וואס הערט זיך?

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט הרב אברהם אהרן פּראַג ז"ל — אַ מלמד פון שומרי החומות - און אָנגעהויבן שרייען אַז דער גאַנצער זאַל האָט געציטערט:

## "אַל תגעו במשיחי - אלו תינוקות של בית רבן"!

ווייצמאַן! לאָזט אָפּ אונזערע קינדער! מיר וועלן אַלע אויסגיין אין הונגער אָבער אונזער תורה וועלן מיר אייך נישט איבערגעבן! מיר וועלן אייך נישט עפענען אַ עפענונג אפילו ווי אַ שפּיץ פון אַ נאָדל! די קינדער האָט מען אונז איבערגעגעבן אַלס פּקדון און מיר וועלן נישט פעלטשעווען אין אונזער אַרבעט וועגן גשמיות'דיגע ליידן און איינשטעלן די נפשות פון די קינדער! ניין! דאָס וועט נישט זיין! נאָך אַזוי פיל יאָר וואס מיר זענען זיך מוסר נפש פאַר אונזער תורה וועלן מיר זיך ווייטער מוסר נפש זיין! אויך וועלן מיר נישט באַשליסן קיין שום זאַך אָן אונזערע געטרייע רבנים און מנהלים וואס גיבן אַוועק זייער גאַנצער לעבן פאַר די אידישע קינדער.

ווייצמאַן! איר וועט אונז נישט פאַרקויפן אייער נאַרישע אויסגעטראַכטע רייד, מיר האָבן אַ תורה וואס הייסט מכבד זיין די רבנים וואס זענען געטרייע די תורה, מיר האָבן צו זיי דעם פילן צוטרוי, ווען מיר האָבן געהונגערט האָבן זיי געהונגערט, הרב זאָנענפעלד - פון וועמען איר רעדט מיט אַזאַ בילינגקייט איז אַ הייליגער מאַן, צו זיין ערליכקייט און איבערגעגעבנהייט צו אידישע קינדער איז קיין גרעניץ נישטאָ. זיין וואָרט איז ביי אונז הייליג ווי אַ בת קול פון הימל און מיר וועלן זיך פון דעם נישט רירן. און כדי צו היטן אויפן עקזיסטענץ פון

פָּאלְק יִשְׂרָאֵל - אַזוֹי וִוי אִיר הָאט פְּרִיעֶר גֶעזָאגְט - אִיז דָא נָאר אֵיין וֶועג: וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן הִיטְן דִי תּוֹרָה וִוי בִּיז יֶעצְט.

אָבֶּער אִיר וַוייצְמַאן - דָא הָאט ר' אַבְרָהָם אַהֲרֹן גֶעוִויזְן מִיט זַיין פִינְגֶער אַלְס בַּאשִׁילְדִיגוּנְג אוֹיף וַוייצְמַאן - מִיט דֶעם וָואס אִיר פִּירְט זִיךְ וִוי אַ גוֹי, וִוי אַלֶע גוֹיִם, גְרָאבְּט אִיר אוּנְטֶער דֶעם עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן פָאלְק יִשְׂרָאֵל! וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ פִּירְן וִוי אַייעֶר שְׁטְרֶעבְּן וֶועט פוּן פָאלְק יִשְׂרָאֵל קֵיין זֵכֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן. אוּן אַפִּילוּ עֶס וֶועט אַייךְ גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ זֶעלְבְּסְט-שְׁטֶענְדִיגֶע מְלוּכָה - וֶועלְן מִיר צוּ דֶעם גָארְנִישְׁט צוּהֶעלְפְן. נָאר עוֹמֵד זַיין דֶעם נִסָּיוֹן אוּן בְּלַייבְּן פֶּעסְט בַּיי הקב"ה אוּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

רַבּוֹתַי! טַייעֶרֶע חֲבֵרִים! - הָאט עֶר זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּם עוֹלֶם - אִיךְ



בִּין זִיכֶער אַז אִיר אַלֶע צוּזַאמֶען וֶועט וֶוענְדְן אָפּ וַוייצְמַאן'ס פַּארְלַאנְג אוּן נֶעמְט אָן מַיין בַּאשְׁלוּס?

יָא! יָא! מִיר זֶענֶען אַלֶע מַסְכִּים! - הָאבְּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן מַגִידֵי שִׁיעוּרִים גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ, זַייעֶנְדִיג בַּאגַייסְטֶערְט פוּן ר' אַבְרָהָם אַהֲרֹן'ס רֵייד.

אָבֶּער דָאךְ הָאט ר' אַבְרָהָם אַהֲרֹן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, כְּדֵי צוּ אוֹיפְוַוייזְן קְלָאר אַז מִיר הַאלְטְן אַלֶע מִיט אֵיין מֵיינוּנְג, זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָאס קְלֶענְסְטֶע עֶנְדֶערוּנְג אִין אוּנְזֶער חִינוּךְ סִיסְטֶעם וֶועלְכֶע אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן צוּ אוּנְז פוּן דוֹר צוּ דוֹר. אוּן וַוייצְמַאן זָאל זֶעהן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא צְוִוישְׁן אוּנְז קֵיין חִילוּקֵי דֵעוֹת, וֶועלְן מִיר אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְרוּפְן:

## "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלוֹקֵינוּ ה' אֶחָד".

בִּשְׁעַת'ן זָאגְן דֶעם פָּסוּק זָאלְן אַלֶע אִינְזִין הָאבְּן אַז מִיר זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַפִילוּ מִיר מוּזְן וַוייטֶער לֵיידְן דָאךְ וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע פַאמִילְיֶעס אוּן הוּנְגֶערְן, אֵיידֶער צוּ נָאכְגֶעבְּן פַאר וַוייצְמַאן אוּן אָפְּקֶערְן מִיט אַ קְלֵיינִיקְייט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן תּוֹרֶה'דִיגְן חִינוּךְ סִיסְטֶעם! לָאמִיר אַלֶע שְׁרַייעֶן אִינְאֵיינֶעם מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ!

דֶער עוֹלָם הָאט גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ:

## "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלוֹקֵינוּ ה' אֶחָד"!!

דֶער קִידוּשׁ ה' אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג.!

וַוייצְמַאן וָואס אִיז גֶעזֶעצְן בִּיז יֶעצְט וִוי אוֹיף הֵייסֶע קוֹילְן אוֹיסְהֶערְנְדִיג זַיין מַפָּלָה הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ הוֹיבּ אוֹיף אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן אָרְט צוּזַאמֶען מִיט זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶערְ'ס.

דַאמָאלְס אִיז דֶער חִינוּךְ הַטָהוֹר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אִין יְרוּשָׁלַיִם. אוּן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג עֶקְזִיסְטִירְן תַּלְמוּד תּוֹרֶה'ס אוּן יְשִׁיבוֹת מִיט טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער וָואס וֶוערְן מְחוּנָךְ "עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ" מִיט אַ רֵיינַעם הֵיילִיגְן חִינוּךְ אוּן שְׁטֵייגְן אוֹיס אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

מִיר זֶעהן אַלֶע וִוי דִי הַיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶער לוֹחֵם בְּמִלְחֶמֶת ה', דֶער וָואס הָאט גֶעקֶעמְפְט אֶמֶת'דִיג אוֹיפְן "חִינוּךְ הַטָהוֹר" וְעַל כָּל דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה "רַבֵּינוּ הַגָדוֹל ר' יוֹאֵל טֵייטְלְבּוֹים מִסָאטְמֶאר זיע"א וֶוערְט מְקוּיָם.

עֶר הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט:

**"דִי וָואס וֶועלְן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער דִי צִיוֹנִים אָדֶער נֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע גֶעלְטֶער... וֶועלְן צוּם סוֹף מוּזְ'ן בַּיי זֵיי פְרֶעגְן אוּן אָנֶעמֶען וָואס זֵיי הֵייסְן טָאן!!"**

לֵיידֶער לֵיידֶער זֶעהְן מִיר עֶס קְלָאר בַּיי דִי מוֹסְדוֹתְ'ן וָואס זֶענֶען נִכְשְׁל בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן... זֵיי זֶענֶען וִוי גֶעבּוּנְדְן אִין קֵייטְן אוּנְטֶער דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע פִירֶערְס, זֵיי מוּזְן פָאלְגְן אוּן אוֹיסְפִירְן וָואס עֶס פַּאלְט זֵיי נָאר אֵיין, זֵיי מוּזְן פְרֶעגְן בַּיי זֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן יֶעצְט מוּזְן זֵיי אַיינְפִירְן דִי נֵייעֶ גְזֵירֶה פוּן "תָּכְנִית לִיבָּה" רח"ל. אָבֶּער וִוי גְרוֹיס אִיז דִי הַצָלָה פוּן דִי "מוֹסְדוֹת עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ" וָואס זֶענֶען נִישְׁט נֶהֱנֶה פוּן דֶעם מְקוֹר הַטָמֵא נָאר שְׁטֵייעֶן וַוייטֶער פֶעסְט אוֹיפְן דֶרֶךְ פוּן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ צוּ לוֹחֵם זַיין אוֹיפְן חִינוּךְ הַטָהוֹר עַד בִּיאַת הַמָשִׁיחַ!!

**אַשְׁרֵיכֶם - ווַאוֹיל אִיז פַאר דִי וָואס הָאבְּן צוּ דֶעם זוֹכֶה גֶעווֶען!**

■■■



שי לילדי התשב"ר
במעמד חינוך הטהור שע"י ארגון
**"חנוך לנער"**
מוסדות תורה ויראה פעיה"ק ירושלם תובב"א